בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

בשלח ס"ג
מאמר ב תשפ"ב

יו"ל פר' בשלח תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק (יג, יח) 'ויסב אלקים את העם דרך המדבר ים סוף', זאגט רש"י 'הסיבם מן הדרך הפשוטה לדרך העקומה', דער **שפת אמת** (לקוטים ד"ה ולא נחם) פרעגט וואס איז דאס דער לשון דרך 'עקומה', זיכער געוויס איז דאס געווען די 'דרך ישרה' וואס זיי האבען דעמאלט געדארפען צו האבען, און אזוי ווא די תורה אליינט שרייבט דער טעם 'ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא כי אמר אלקים פן ינחם העם בראותם מלחמה ושבו מצרימה' (יג, יז) [סיי אויב מען וועט דאס אפלערנען כפשוטו און סיי אויב מ'וועט דאס דרשנ'ן כמדרשו], און טראצדעם וואס זיי האבען זיך אוועק געדרייט פון די געוועהנליכע וועג, פונדעסטוועגען וויבאלד אז די וועג איז געווען פאר זיי דאס באוויליגטע, פאסט נישט דאס אנצורופען 'עקומה' [און ס'איז צוגעגליכען צו א פאסט טרעגער וואס דארף גיין און טיילען די פאסט אין אלע געסלעך, וואס דעמאלט גייט ער נישט אין א קרומער וועג - בדרך עקומה, נאר אין די גלייכע וועג - ווייל דאס איז די וועג וואס ער דארף גיין דערמיט כדי צו אויספירען זיין צוועק נאך וואס ער איז געשיקט געווארען].

**ערקלערט** דער שפת אמת און זאגט אז מ'דארף משים לב צו די לשון פון רש"י, וואס ער האט נישט געשריבען הסיבם מן הדרך 'הישרה' לדרך העקומה, ווייל זיי זענען טאקע געגאנגען אין די גלייכע וועג - בדרך הישרה, נאר הסיבם מן הדרך 'הפשוטה', דאס איז די וועג אן קיין הסתרות און אן קיין נסיונות, וואס מ'קען דינען דער אויבערשטער בגלוי, און כעין די מדריגה פון די יודען בשעת שירת הים - ראתה שפחה על הים מה שלא ראה וכו', און דאס מיינט '**דרך פשוטה**' - מופשט, אויסגעטוהן פון די גשמיות, און דאס איז געבויט אויפ'ן יסוד וואס דער **חידושי הרי"מ** האט געטייטשט דאסווארט 'פשוט' פונעם לשון 'והפשיט', וואס ס'מיינט ריין אן קיין שום פסולת (עי' לקוטי הרי"מ פר' נח ד"ה בני נח והערה שם, ופר' פנחס ד"ה הנני נותן

לו), און א בחינה אזוי וויא ס'איז געווען בשעת'ן בריאה - 'האלקים עשה את האדם ישר', ישר מיינט פשוט - ד. ה. בדרך פשוטה - אין א גלאטע וועג אן קיין שוועריקייטען און נסיונות. אבער דער אויבערשטער האט זיי געפירט - הסיבם לדרך עקומה, וואס דורך איהר קומט מען צו א קרומער וועג - לדרך עמוקה, דער אויבערשטער האט זיי נישט געוואלט פירען אין א גלאטע וועג - בדרך פשוטה אן קיין שום ארבעט, ווייל די ארבעט אויף די וועלט איז דייקא דורך די הסתרות און נסיונות - 'אין דרך שאין בה עקמימיות' (עי' רש"י דברים א, כב מספרי), ווייל מלאכים איז דא געענוג אין הימעל, און דער אויבערשטער האט באשאפען דער מענטש און ער האט איהם אראפ געשיקט אינטען אינעם גשמיות'דיגע וועלט - וואס איז פיהל מיט נסיונות און שוועריקייטען, כדי אז ער זאל זיך מתגבר זיין אויף זיי (ועי' אוצר דרשות פני מנחם ח"א עמ' רמא, ועבד"ד ח"ב עמ' שפה ועבד"ד פסח עמ' קח).

**און** די קרומער וועג - הדרך העקומה מיט די שוועריקייטען וואס איז געווידמעט געווארען פאר יעדער איינער און איינער פון די אייבערשטער - דאס איז די גלייכע וועג פאר איהם ווען ער געפינט זיך דא אויף די וועלט, און אזוי וויא מיר האבען שוין אמאהל געזאגט (ס"ג נח תשפ"ב מאמר א) צו געבען צו פארשטיין דאס וואס דער קאצקער רבי זי"ע האט געזאגט ס'איז נישט דא קיין גלייכערע זאך וויא א קרומער לייטער. וואס לכאורה איז דאך דאס פשוט - און וואס קומט ער אונז לאזען הערען דערמיט, נאר ער האט געמיינט אונז אויסצולערנען וואס איז די ארבעט פון א מענטש דא אויף די וועלט, ווייל א לייטער איז געמאכט געווארען אז מ'גייט דערמיט ארויף אין די הייעך, און אזוי אויך האט דער אויבערשטער אראפ געברענגט אונזערע נשמות צו די וועלט, און די ארבעט פון דער מענטש איז זיך צו דערהייבען און זיך אויפהייבען כלפי מעלה, און די וועג העולה בית קֵל איז באגלייט מיט עקולי ופשורי, ווייל עס זענען דא עליות מיט ירידות, און די וועג איז טאקע פוהל מיט קרומקייטען, אבער באמת איז דאס זייער גלייך - ווייל דאס איז די ארבעט וואס מען

פאדערט פון אונז, און דאס איז די וועג און די גאנג אויף דער וועלט.

**געוויס** טאקע האט דער אויבערשטער אראפ געברענגט יעדער איינער צו די וועלט וואס איז פוהל מיט קרומקייטען, אבער יעדער איינער וואס וויל ארויף גיין בדרך העולה בית קֵל, האט א הילף פונעם אויבערשטען, אזוי וויא דער **שפת אמת** טייטשט (לקוטים הנ"ל וד"ה עוד ולא) 'ויסב' - 'שהסיבם', דאס איז א לשון סביב סביב, אז דער אויבערשטער נעמט ארום די יודישע קינדער פון אלע זייטען און ער שיצט זיי און ער היט זיי, און אזוי וויא עס שטייט אין חז"ל (סוכה נב: קדושין ל:) 'אלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו', ווייל געוויס טאקע געפינט זיך די מענטש און ער לעבט דא אויף די וועלט אין א קרומער וועג, אבער ס'שטייט אין פסוק (תהלים לד, ח) 'חונה מלאך ה' סביב ליראיו ויחלצם', און חז"ל טייטשען (יבמות קב:) 'יחלצם מדינה של גיהנם', און דייקא 'ליראיו' - אויב מען פראבירט און מען טוהט וואס מען קען, און מען וויל זיך מתגבר זיין אויפען יצר הרע, דעמאלט האבען זיין די 'הגנה' אז דער אויבערשטער העלפט זיי אנטקעגען די יצר הרע וואס איז זיך מתגבר און מתחדש יעדען טאג פון פריש.

**שטייט** אין פסוק (יד, ג) 'ואמר פרעה לבני ישראל נבוכים הם בארץ', טייטשט רש"י 'נבוכים הם - כלואים ומשוקעים', און ער ברענגט דערויף דריי פסוקים, 'בעמק הבכא' (תהלים פד, ז), 'מִבְּכִי נהרות' (איוב כח, יא), 'נִבְכֵי ים' (איוב לח, טז). און די **ראשונים** (עי' אבן עזרא) און די **מפרשי רש"י** מיטשען זיך צו פארשטיין זיינע ווערטער, ווייל סיי על פי דקדוק קען מען דאס נישט אזוי אפלערנען, און סיי די ראיות פון די פסוקים שטימען נישט מיט אונזער פסוק פון אונזער פרשה און צום פירוש אז ס'מיינט כלואים. דער מהר"ל אין זיין ספר **גור אריה** זאגט, אז רש"י טייטשט 'נבוכים' - 'כלואים', און אלע ראיות וואס רש"י ברענגט זענען אויף די ווארט 'משוקעים', ווייל אזוי איז די טייטש אין די דריי פסוקים, און רש"י האט באהאפטען און מצרף געווען ביידע פירושים. און ס'איז דאך באוואוסט פון די קדמונים, אז אלע רייד פון רש"י און בפרט דעם פירוש רש"י

על התורה איז געשריבען געווארען ברזי רזין, און אפילו די ראיות וואס רש"י ברענגט פון די פסוקים און פון די לשונות לע"ז, זענען די ספרים הק' מרמז אין זיי אסאך רמזים. און דאס איז פשוט אז מיר דערוואגען זיך נישט צו זאגען וואס איז די כוונה פון רש"י [און אזוי וויא ס'שטייט אויף דער וואס האט געוואלט דרשנ'ן דאס וואס רש"י זאגט אין פרשת וישב אויפ'ן פסוק (לז, יח) 'כמו אתו עמו כלומר אליו' (עי' שו"ת איתן האזרחי קו"א פר' וישב, ועי' שם הגדולים ערך רש"י (ועי' עבודת ישראל ואוהב ישראל שם)], נאר מיר וועלען פארטייטשען רש"י'ס ווערטער על דרך העבודה - כדי צו לערנען פון דעם א מוסר השכל.

**און** מ'קען פארטייטשען די ווערטער פון רש"י 'כלואים ומשוקעים', אז ס'גייט ארויף אויף די וואס זענען פארמאכט, פארכאפט און פארשפארט אינעם תפיסה פונעם עולם הזה, און זענען פארזינקען אינעם טבע פון די וועלט, און אזוי וויא ס'האט געזאגט הרה"ק הרבי ר' **ברוך ממעזיבוז** זי"ע וועלט! וועלט! וויא טינקעל און פינסטער ביסטו פאר דער וואס איז איינגעזינקען אין דיר.

**און** אט אויפ'ן פסוק 'הֲבָאתָ עד נבכי ים', דרשנ'ן חז"ל (שמו"ר כב, טו. ובקיצור בב"ב עד:) בשעה שביקש הקב"ה לבראות את העולם, אמר לו לשר של ים שנקרא 'רהב' פתח פיך ובלע כל מימות שבעולם, אמר לפניו רבש"ע די שאעמוד בשלי, מיד בעט בו והרגו, והן בוכין עד היום הזה שנאמר 'הבאת עד נבכי ים' [שדרשו 'נבכי' לשון בכי]. און מ'דארף צו פארשטיין, וואס איז די באדייט אז שרו של ים - א מלאך שפארט זיך מיט'ן רבונו של עולם, און נאך איז שווער וואס מיינט דאס אז 'בעט' בו והרגו, צו וואס האט מען געברויכט דעם שטויס - בעיטה, און אזוי אויך דארף מען פארשטיין דאס וואס מען טרעפט אויף א אנדערע ארט אין חז"ל א לשון (יומא כא: סנהדרין לח:) על מה דלא הניין ליה 'הושיט אצבע ביניהם ושרפן'.

**נאר** דער **מהרש"א** (ב"ב שם) און אנדערע ערקלערען, אז 'ים' איז א כינוי אויף א כיסוי און א הסתר - וואס דער טבע פארהוילט דעם נאמען

פונעם אויבערשטען - שם ה' וואס איז מחיה און מהווה אלעס, און 'ים' מיינט די שלעכטע כוחות וואס איז פארהאן דא אויף די וועלט, אזוי וויא דער **מהרש"א** שרייבט (סוטה ה. ב"ב ז:) אויפ'ן פסוק (ישעיה נז, כ) 'והרשעים כים נגרש' - ד. ה. די מעשים פון די רשעים און די עניני עולם הזה וואס קומען צו פארפלייצען די וועלט מיט שלעכטץ. און דער רבונו של עולם זאגט צו שרו של ים אז די 'העלם' און די 'הסתר' דארפען פארמינערט ווערען, און דער שרו של ים האט נישט געזעהן אז ער האט דער מעגליכקייט מצמצם צו זיין דעם הסתר און די כוחות הרע [טראצדעם וואס מיר האבען נישט אין אמת'ן א פארשטאנד וואס איז דען שייך אז א מלאך זאל זיך שפארען מיט'ן רבש"ע, וכנ"ל], און דערפאר האט מען געדארפען אז ס'זאל זיין 'בעט בו והרגו', ד. מ. אז כביכול ער האט געדארפען מיט קראפט מצמצם צו זיין און פארמינערען דעם הסתר - וואס א בשר ודם קען זיך נישט מתגבר זיין אויף אזיין גרויסען הסתר, און דער אויבערשטער האט איבער געלאזט אביסעל פונעם פארשטעלכצע און נסיונות - ווייל דאס איז די ארבעט פון די יודישע קינדער אויף די וועלט.

**און** לויט דעם קען מען טייטשען דעם פסוק 'ואמר פרעה **לבני ישראל** נבוכים הם בארץ', און רש"י טייטשט אז ס'מיינט 'על' בני ישראל, אבער לויט וואס מען האט אויווען דערמאנט קען מען זאגען על דרך העבודה, **'ואמר פרעה'** - מיינט דער כח הרע און דער גלות, **'אל' בני ישראל - נבוכים הם במדבר**, אז זיי זענען פארשפארט און פארזינקען - כלואים ומשוקעים אינעם עולם הזה, און זיי זאלען נישט פרובירען ארויס גיין און זיך דערהייבען דערפון. אבער באמת האבען יודישע קינדער א מעגליכקייט און א כח אין יעדער צושטאנד וואס ס'זאל נאר זיין, זיך צו דערהייבען ארויס צו גיין פון דעם פארזינקעניש אינעם עולם הזה.

**און** אויפ'ן פסוק 'עוברי בעמק הבכא מעין ישיתוהו גם ברכות יעטה מורה', דרשנ'ן חז"ל (עירובין יט.) **'עוברי'** - אלו בני אדם שעוברין על רצונו של הקב"ה, **בעמק** - שמעמיקין להם גיהנם', ווייל די וואס זענען אויף די וועלט געווען פארשפארט און פארזינקען - כלואים

ומשוקעים אין די תאוות און אין די גשמיות'דיגע גלוסטונגען פון די וועלט, איז אזוי וויא זיי זענען געווען אויף די וועלט אזוי גייען זיי ארויף אויוועק - ווייל עס איז נישט דא קיין שום זופ וואס האלט אפ און נעמט אוועק די שמוטץ פון די גשמיות פון די וועלט, און דער וואס איז געווען פארשפארט און פארזינקען - כלוא ומשוקע אין עולם הזה, און ער האט זיך שמוציג געמאכט מיט גשמיות, דארף אראפ גיין אין עומקה של גיהנם.

**די** גמרא דארט דרש'נט דער המשך פון די פסוק **'הבכא'** - 'שבוכין ומורידין דמעות כמעיין של שיתין' - **'מעיין ישיתוהו'**, אבער מען דארף נישט צוווארטען אראפ צו לאזען טרערען דארט אין גיהנם, ווייל מ'קען גיסען טרערען דא אויף דער וועלט, אזוי וויא דער **שפת אמת** געבט צו פארשטיין (תרנ"ג ד"ה כתיב) דאס וואס שטייט אין פסוק (תהלים סח, ז) 'מוציא אסורים בכושרות' - און חז"ל דרשנ'ן (ב"ר סח, ד) 'בכי ושירות', אז ס'איז צוויי אנדערע וועגען, ס'איז פארהאנען אזעלעכע סארט זאכען וואס ווערט קלאר און אויסגעארבעט דורכ'ן שיר - רינה ושמחה, און ס'איז פארהאנען אזעלעכע סארט זאכען וואס ווערען נישט נתברר נאר דורך וויינען - בכיה, ד. ה. דורך די נסיונות און די שוועריקייטען, געוויס טאקע איז דא שטרויכלונגען - מכשולות, אבער מען איז זיך מתגבר אויף זיי, און טראץ אלע שוועריקייטען שטארקט מען זיך און מען וויל גוט.

**און** דאס איז די דריטע פסוק וואס רש"י ברענגט **'מבכי נהרות חִבֵּשׁ'**, וואס חז"ל דרשנ'ן (ב"ר ה, ד) אז ס'מיינט אז לא פירשו המים התחתונים מן העליונים אלא בבכיה, ווייל די מים התחתונים האבען געוויינט **ואמרין אנן בעיין למהוי קריבא למלכא** (עי' תיקו"ז תי' ה יט:, ותי' מ פ.), און ס'איז מרומז אין רש"י'ס ווערטער **'כלואים ומשוקעים'** אז די נשמה פון יעדער איינער און איינער איז פארשפארט און פארזינקען - כלואה ומשוקעת, און זי שרייט און וויל ארויס גיין, און מ'קען וויינען דא אויף די וועלט, און דעמאלט דארף מען נישט דארט וויינען - אין גיהנם, מ'קען זיך ערוועקען ארויס צו גיין

און זיך דערהייבען, און טוהן דער רצון פונעם רבונו של עולם (ועי' שפ"א שקלים תרנ"א).

**און** בפרט שבת קודש בשעת רעוא דרעוין, וואס ס'איז א עת רצון, און א שעה פון א התעוררות הלב אויף גוטס, קען מען זיך ערוועקען און מעורר זיין דעם רצון צום רבונו של עולם, און איבער דרייען דעם געוויין צו 'שירה'.

**דער** אויבערשטער זאל העלפען מיר זאלען זוכה זיין תשובה צו טוהן, און זיך דערנענטערען צו בורא ית"ש, און טוהן רצונו בלבב שלם.